# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א
## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון ע"ח / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת בהעלתך / סיון תשפ"ה

## הרה"ק ר' ישכר דוב מראדאשיץ זצ"ל

### י"ח סיון

הרה"ק ר' ישכר דוב בן ר' יצחק זצ"ל. אין זיינע יונגע יארן, ווען ער איז געווען באהאלטן פלעגט מען אים רופן ר' בערל בטלן.

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון דער לובלינער זצ"ל. ער האט געהאט נאך רבי'ס: הרה"ק ר' משה לייב סאסוב'ער זצ"ל; הרה"ק ר' מענדעלע רימנוב'ער זצ"ל; דער קאזניצער מגיד זצ"ל, אזוי אויך איז ער נאך געווען ביי דער יוד הקדוש זצ"ל.

ער איז געווען א געוואלדיגער מפורסם, און א גרוסער פועל ישועות אויף אן אפענע פארנעם.

### א הייליגער מאן

דער תולדות אברהם יצחק רבי שליט"א האט דערציילט, אז נאך זיין חתונה איז דער ראדאשיצער געווען זייער בדחקות, ער האט ממש נישט געהאט וואס אריינצונעמען אין מויל. אמאל איז געווען ממש באו מים עד נפש, האט זיין רביצין אויסגעבראכן אין א געוויין, און אים געבעטן ער זאל אריינברענגען עפעס געלט אין שטוב, אז מ'זאל האבן וואס צו עסן. האט ער געענטפערט: אויב די סיבה פון די דחקות איז ווייל מיר בין איך גרייט צו געבן א גט, דו דארפסט נישט ליידן און האבן צער ווייל מיר.

האט זי געזאגט: 'ח"ו, זי איז נישט מסכים'. און זי האט אים דערציילט, אז ווען זי איז נאך געווען א יונגע מיידל ביי איר טאטן, האבן אמאל אריינגעקלאפט צוויי מענטשן ביי זיי אין שטוב, און האבן איר געפרעגט אויב איר פאטער איז אין שטוב. האט זי געענטפערט ניין, און די געסט זענען אוועקגעגאנגען. האט זי פארשטאנען אז זיי האבן נישט געוואלט אריינקומען אין שטוב אלס א חשש יחוד. איז זי זיי נאכגעלאפן, און געזאגט אז זי וועט זיי אנגרייטן עסן, זי וועט ארויסגיין, און שטיין אינדרויסן ביז זיי וועלן ענדיגן די סעודה, און די גאנצע צייט וועט זי נישט אריינקומען אין שטוב. זיי האבן מסכים געווען, און האבן געגעסן דארט. פארן אוועקגיין האבן זיי איר אנגעוואונטשן אז זי זאל זוכה זיין צו א מאן וואס זאל באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און מצוות.

ווען איר פאטער איז אהיימגעקומען האט זי אים אלעס פארציילט, האט דער פאטער פארשטאנען אז דאס זענען געווען די צוויי הייליגע ברידער הרה"ק ר"ר אלימלך און הרה"ק ר"ר זושא זצ"ל.

האט זי אויסגעפירט: "ווען פרנסה וועל איך פארלירן די ברכה פון אזעלכע צדיקים? איך בין בשום אופן נישט מסכים!" למעשה האבן זיי געלעבט בדחקות, און ווען ער איז געווארן נתפרסם איז שוין אריינגעקומען געלט אין שטוב, דעמאלס איז שוין געווען מער בהרחבה.

### גילוי אליהו

הרה"ק דער קלויזנבורגער רב זצ"ל האט דערציילט וויאזוי דער ראדאשיצער האט דאס ערשטע מאל זוכה געווען צו גילוי אליהו הנביא. ער האט איינמאל מקבל געווען אויף זיך אז ער וועט קיינמאל נישט בעטן קיין מתנת בשר ודם, און וואס ס'זאל נאר זיין, אין וועלכע מצב ער וועט נאר זיין, וועט ער נישט בעטן, נאר וויפיל ס'איז באשערט וועט ער האבן.

אין הימל האט מען אים געוואלט אויספרואוון, האט מען אזוי אנגעדרייט אז קיינער איז נישט געקומען צו אים, און טאקע פאר אפאר טעג האט ער ממש נישט געהאט צו עסן. אינדרויסן איז געווען זייער קאלט, און ס'איז נישט געווען מיט וואס צו הייצן און אנווארעמען די שטוב, אבער ער האט פון קיינעם נישט געבעטן גארנישט. די כוחות האבן זיך אים ממש אויסגעלאזט, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס, און ער האט געזאגט אז אויב דער אויבערשטער וויל אים אוועקנעמען פון דער וועלט איז ער מוכן ומזומן דערפאר, אבער ער וועט בשום אופן נישט עובר זיין אויף זיין קבלה וואס ער האט מקבל געווען, און ער האט אנגעהויבן מאכן הכנות און אינזין האבן די כוונות פון פאר יציאת נשמה.

אינצווישן איז אליהו הנביא אריינגעקומען אין שטוב, און אריינגעלייגט אין זיין מויל אביסל בראנפן און צושפייז, ביז ער איז צוריקגעקומען צו זיך. ער האט אנגעהייצט דעם אויוון, און ער האט אים מגלה געווען אז דאס איז געווען א נסיון פון הימל, און פון יעצט וועט ער מער נישט דארפן לעבן אין אזא דחקות ווייל ער וועט נתפרסם ווערן, און מ'וועט אים שוין נאכלויפן אים מהנה צו זיין.

### געווזן אז ס'איז דא א בורא עולם

האדמו"ר מפשעווארסק שליט"א האט דערציילט, אז ער האט געהערט פון זיין זיידע הרה"ק ר' איציקל זצ"ל, אז ס'איז געווען אין ווארשא א איד א משכיל, וואס ער האט באקומען א מחלה אין די אויגן רח"ל. ס'איז געווארן ערגער און ערגער, ביז ער איז געווארן א סגי נהור רח"ל, ער האט גארנישט געקענט זען.

האבן זיינע שטוב-מענטשן אים געבעטן ער זאל פארן קיין ראדאשיץ, וויבאלד ער איז דאך געווען באקאנט אלס א געוואלדיגער פועל ישועות און בעל מופת, אבער ער איז דאך געווען א משכיל, און נישט געגלייבט אין צדיקים, האט ער בשום אופן נישט געוואלט. צום סוף האט ער נישט געהאט קיין ברירה האט ער מסכים געווען, און מ'האט אים גענומען קיין ראדאשיץ.

ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ראדאשיץ און אריין צום הייליגן ראדאשיצער, האט דער ראדאשיצער געהייסן מ'זאל ברענגען דעם איד פארנאכטס בשעת ווען ער האלט אינמיטן זיין סעודה.

מ'האט אים דעמאלס געברענגט און אים געזעצט נעבן ראדאשיצער. פרעגט אים דער ראדאשיצער צי ער גלייבט אז ס'איז דא א בורא כל עולמים, וואס ער איז ביכולת אז ער קען אים אויסהיילן אין איין רגע אז ער זאל גלייך קענען זען, ער האט אבער נישט געענטפערט.

האט דער ראדאשיצער גענומען א שטיקל ברויט און עס אריבערגעפירט נעבן זיינע אויגן. א רגע שפעטער האט ער צוריקבאקומען זיין ראיה און געקענט געהעריג זען! ער איז מורא'דיג נתפעל געווארן דערפון. דערנאך האט דער ראדאשיצער נאכאמאל אדורכגעפירט א שטיקל ברויט פאר זיינע אויגן און ער איז צוריקגעווארן בלינד רח"ל.

האט אים דער ראדאשיצער גענזאגט: "איך האב דיר געוואלט ווייזן אז ס'איז דא א בורא כל עולמים וואס איז א כל יכול, און אין איין רגע קען ער אלעס טון, אבער וויבאלד דו האסט נישט געגלייבט וועסטו נישט זוכה זיין צו קיין רפואה רח"ל..."

## אכטונג געבן אויף כבוד הבריות

הרה"ק דער אלכסנדר רבי זצ"ל דער 'אמרי מנחם', פלעגט גיין פארטאגס שפאצירן פאר'דביקות'ט. אמאל האט ער גערעדט אווארט, און אמאל נישט. איינמאל איז אריבערגעגאנגען א מילכיגער [איינער וואס פארקויפט מילך], און דער מילכיגער האט זיך געווארפן בשעת'ן גיין, ער האט נישט געקענט גיין געהעריג. ס'איז געווען זייער מאדנע. פרעגט דער אלכסנדר רבי פון זיין גבאי: "האסט געזען וויאזוי דער איד גייט?" און דער אלכסנדר רבי האט ממשיך געווען: "מ'דארף זייער אכטונג געבן אויף כבוד הבריות און בפרט פון צדיקים, און מ'טאר נישט מזלזל זיין אין קיין שום מענטש, כל שכן פון צדיקים, אפילו מ'מיינט אז דיין רבי איז גרעסער ווי יענער רבי, דארף מען נאכאלץ אכטונג געבן אויף יענעמ'ס כבוד".

האט ער דערציילט, אז דער ראדאשיצער איז איינמאל געווען אין איינע פון די שטעט אין פוילן, און אין יענע שטאט האט געוואוינט א פשיסחא חסיד, און אזוי ווי געשמועסט פריער איז ער געווען מפורסם אלס א געוואלדיגער בעל רוח הקודש און פועל ישועות אבער די פשיסחא חסידים זענען נישט נתפעל געווארן פון אים.

פרייטאג צונאכטס פארן טיש האט זיך א פשיסחא חסיד באהאלטן דארט וואו דער ראדאשיצער איז איינגעשטאנען, און מיט חוצפה האט ער אויפגעטרישט דאס פלאש וויין אויף א פלאש שמוציגע וואסער... ער האט געוואלט אויספרואוון דעם רבי'ן צי ער איז טאקע א בעל רוח הקודש, צי ער וועט זען פון אינדרויסן אז ס'איז נישט קיין וויין.

בשעת'ן טיש האט ער זיך אוועקגעשטעלט מיט זיינע חברים זען וואס דא וועט זיין. ווען דער ראדאשיצער איז אריינגעקומען צום טיש האט ער גענומען דאס פלעשל, עס אנגעהויבן שאקלען, און געזאגט: "אזוויי איך שאקל דעם פלעשל, אזוי זאלן זיך שאקלען אפאר דורות פון דעם מחוצף וואס האט עס געטון..."

האט דער אלכסנדר רבי אויסגעפירט: "דו זעסט דעם מילכיגער? ער איז אן אייניקל פון יענעם מחוצף, וועגן דעם שאקלט ער זיך אזוי. וועגן דעם דארף מען אכטונג געבן אויף כבוד הבריות, דאס קען ח"ו מזיק זיין אויף שפעטערע דורות אויך, כל שכן, מידה טובה מרובה, א מענטש טוט א טובה פאר יענעם, ער האלט יענעם בכבוד, וועט עס אוודאי און אוודאי זיין א זכות פאר אים און פאר זיינע דורות!"

## סגולות נפלאות

דער וואוידיסלובער רב ז"ל האט דערציילט, אז ביי דער לובלינער זצ"ל איז געווען דער מנהג, אז כאטש די טיר איז אלעמאל געווען אויפגעשפארט, פלעגט אבער יעדע שבת נאכמיטאג פאר מנחה די טיר זיין פארשפארט, און קיינער האט נישט געמעגט דארט זיין. נאכדעם איז ער ארויסגעקומען פאר מנחה און צו של"ס.

איז געווען דארט איינער וואס איז געווען זייער נייגעריג צו וויסן וואס דער לובלינער טוט ווען די טיר איז פארשפארט, נאכדערצו אז דער רבי האט אזוי אנגעזאגט אז קיינער זאל נישט דארט בלייבן, האט ער זיך איין וואך באהאלטן אונטער א שאנק מיט מלבושים, און ארויסגעקוקט צו זען וואס דער לובלינער טוט דארט. האט ער געזען אז דער לובלינער קומט אריין, פארשפארט די טיר, ער גייט צו צום ספרים-שאנק, נעמט ארויס א ספר, קוקט אריין אביסל דערין.

פלוצלינג האט דער חסיד געזען אז ס'איז אים דורכגעגאנגען עפעס אזוויי א בליץ, און מער האט ער נישט געזען, ער האט נאר געהערט אז דער לובלינער עפנט דעם טיר און גייט ארויס.

דער איד איז ארויסגעגאנגען פון זיין באהעלטעניש און נאכגעגאנגען. ער האט געוואוסט אז ער זעט נישט ווייל ס'איז טונקל [שלש סעודות צייט]. ער האט געדאווענט מנחה און של"ס.

ביים לובלינער איז געווען איינגעפירט אז ווען ס'קומט די זמן האט מען אריינגעברענגט ליכט צו מאכן ליכטיג ביי של"ס. ס'איז שוין אריבער די צייט, און דער מענטש וואס האט זיך געהאט באהאלטן זעט נישט אז מ'זאל האבן אנגעצונדן ליכט, ס'איז נאך געווען טונקל, פרעגט ער פון זיין שכן וואס איז געשטאנען נעבן אים: "פארוואס ברענגט מען נישט קיין ליכט צום טיש אזוויי יעדע וואך?" האט ער אים געענטפערט: "וואס הייסט, ס'איז דא ליכט און ס'ברענען". האט דער איד פארשטאנען אז ער קען נישט זען רח"ל.

נאך הבדלה איז ער צוגעגאנגען צום לובלינער און געזאגט אז ער זעט נישט רח"ל. האט אים דער לובלינער אנגעוואונטשן. למעשה האט עס נישט געהאלפן, איז מען נאכאמאל געגאנגען צום לובלינער, ער האט נאכאמאל געגעבן א ברכה און ס'האט ווייטער נישט געהאלפן. ווען מ'איז צוריקגעקומען צום לובלינער, האט דער לובלינער געזאגט: "אויב אזוי, מוזטו פארן צום ראדאשיצער". איז ער געפארן און זיך מזכיר געווען אז ער איז רח"ל געווארן בלינד.

דער ראדאשיצער האט געהאט א שאנק מיט רפואות [דער וואוידיסלאווער רב האט געזאגט אז ער האט נאך זוכה געווען צו זען די קליינע קעסטלעך וואו ער האט געהאלטן זיינע רפואות]. הושענות פון הושענא רבה, שיריים פון חנוכה ליכט, שיריים פון ד' כוסות, און שיריים פון קידוש. פאר יעדע איינס האט ער געהאט אן עקסטערע קעסטל, און ער פלעגט מישן פון דארט פארשידענע רפואות.

האט דער ראדאשיצער געמישט א רפואה און עס געגעבן פאר דעם איד, ס'האט אבער נישט געהאלפן. האט ער געהייסן דער איד זאל בלייבן ביי אים ביז איבער שבת. נאך שבת האט דער ראדאשיצער נאכאמאל געגעבן [מסתמא פון שיריים פון שבת], ס'האט אבער גארנישט געהאלפן.

האט אים דער ראדאשיצער געלאזט רופן און אים געזאגט: "איך האב דיר געגעבן אזעלכע זאכן וואס אפילו א דומם וואלט שוין געקענט זען... אבער אז ס'האט דיר נישט געהאלפן, מוזטו מיר דערציילן וויאזוי דאס איז געשען?"

האט דער איד דערציילט, אז ער איז געווען שבת ביים לובלינער, און ער האט געוואלט זען וואס דער לובלינער טוט פאר מנחה, האט ער זיך באהאלטן, און בשעת ער איז דארט געווען איז ווי א בליץ דורכגעגאנגען, און זייט דעמאלס איז אים געווארן טונקל.

האט דער ראדאשיצער געענטפערט: "אויב אזוי האב איך נישט קיין עצה פאר דיר, ווייל דער ספר וואס דער לובלינער האט דעמאלס ארויסגענומען איז געווען דער ספר הרמב"ם, און דעמאלס האט ער זיך משתמש געווען מיטן אור הגנוז פון ששת ימי בראשית! און ווער ס'איז נישט זוכה צו דעם און ער זעט עס, קען ער מער נישט זען קיין דבר גשמי רח"ל.

***

# הרה"ק ר' שלמה פון מונקאטש זצ"ל

## בעמח"ס שם שלמה

## כ"א סיון

הרה"ק ר' שלמה, בן הרה"ק ר' אלעזר מלאנצוט, בן הרה"ק דער בני יששכר זצ"ל [ער איז געווען דער זיידע פון הרה"ק דער מנחת אלעזר זצ"ל].

### זיצן מיט צדיקים ביים עסן

דער מנחת אלעזר ברענגט, אז דער זיידע דער שם שלמה האט אמאל געפרעגט, לערנען און דאווענען צוזאמען וכדו', טרעפט מען, אבער פון וואו נעמט זיך דער ענין ביי די תלמידי בעל שם צו זיצן ביים טיש מיט די תלמידים, בפרט שבת קודש ויו"ט, וואס דאס איז געווען גאר א גרויסער עיקר ביי תלמידי בעל שם.

האט דער שם שלמה געזאגט, אז מ'זעט אין גמרא מסכת ע"ז, אז מ'האט גוזר געווען אויף פתן אטו יינן, מען האט גוזר געווען אז מ'זאל נישט עסן ברויט פון א גוי, כדי מ'זאל נישט צוקומען צו טרינקען זייער וויין, און יינן אטו בתן', אז מ'זאל ח"ו נישט צוקומען צו ע"ז, זעט מען פון דעם אז אויב זיצט מען ח"ו מיט א גוי, קען מען ח"ו צוקומען אזוי ווייט ביז צו דינען יענעמ'ס ע"ז. און אונז וייסן דאך אז מידה טובה איז מרובה, און מה-דאך אז מ'קען דורך א גוי ח"ו צוקומען צו דינען ע"ז, להבדיל אלף אלפי הבדלות ווען מ'זיצט מיט א צדיק קען מען אוודאי צוקומען צו דינען דעם אויבערשטן.

### סגולה לאמונת חכמים בשלימות

דער מונקאטשער רב ברענגט אויך צו פון זיין זיידע דער שם שלמה, אז דער רמ"א ברענגט פונעם כלבו, אז עסן שבת טשולענט איז לכבוד און עונג שבת, און איינער וואס עסט נישט קיין חמין וואס מ'האט מטמין געווען אויף שבת, און ער גלייבט נישט אין די חכמים 'חיישינן אז ער איז אן אפיקורס'.

האט דער שם שלמה געזאגט, אז ס'קומט אויס פון דעם, אז די טשולענט וואס מ'האט באהאלטן אויף שבת איז א סגולה אויף אמונה שלימה, ווייל אויב ווען מ'עסט נישט איז מען חושד אז מ'איז ח"ו אן אפיקורס, איז ווען מ'עסט יא, איז עס א סגולה אויף אמונה שלימה אין אמונת חכמים.

### ווארעמע מאכלים אום שבת

הרה"ק ר' שלמה האט זיך געפירט, אז ער פלעגט נישט זאגן קיין תורות בשעת דער סעודה, נאר נאכן ענדיגן די גאנצע סעודה האט ער געזאגט, און ער האט געזאגט דער טעם דערפון, ווייל אמאל ווען ער איז געווען אין צאנז, האט דעם מאור ושמש'ס זון הרה"ק ר' אהרן זצ"ל אים געזאגט, אז זיין טאטע דער מאור ושמש, פלעגט זיך פירן, אז ער פלעגט זאגן תורה בשעת דער סעודה צווישן איין מאכל און דער אנדערער מאכל, און ס'האט זיך לאנג פארצויגן די תורה, ביז די מאכלים זענען געווארן אויסגעקילט. האט מען אים מגלה געווען מן השמים אז מ'האט א הקפדה אויף דעם. פון דעמאלס אן האט זיך דער שם שלמה פארגענומען אז ער וועט זאגן תורה סוף סעודה.

### תיקון אויף חטא אדם הראשון

אויך ברענגט דער מונקאטשער רב אין 'דברי תורה' בשם זיין זיידע, פארוואס זעט מען אז די חכמים האבן מתקן געווען אז יעדע דבר שבקדושה פאנגט מען אן מיט בורא פרי הגפן, ביי א ברית, ביי א פדיון הבן זאגן די כהנים א הגפן, ביי חופה וקידושין, ובפרט שבת און ימים טובים ביי קידוש, און אפילו יוה"ק ביינאכט זענען דא ראשונים וואס האלטן אז מ'זאל נעמען א כוס און מאכן א הגפן אנע טרינקען. לכאורה וואלט זיך געפאסט אז מ'זאל אריינגיין אין די גרויסע זמנים מיט לערנען און דאווענען?

זאגט ער אז דער ענין איז, ווייל לויט איין שיטה איז די בוים פון וואס אדם הראשון האט געגעסן געווען א 'גפן', און חוה האט אויסגעקוועטשט די טרויבן, ממילא יעדע דבר שבקדושה איז דאך מתקן די חטא פון אדם הראשון, אויף דעם ארויף פאנגט מען אן מיט א בורא פרי הגפן אלס א תיקון.

טייטשט ער מיט דעם, 'החכם עיניו בראשו' - ע' איז בגימטריא יי"ן זיבעציג, עיניו בראשו, פאר יעדע זאך פאנגט מען אלץ אן מיט די יי"ן.

***

# הגה"ק ר' יהודה אסאד זצ"ל

## כ"ג סיון

ר' יהודה בן ר' ישראל זצ"ל. ער איז געווען א תלמיד פון הגה"ק ר' מרדכי באנעט זצ"ל, ער איז געווען רב אין סערדאהעלי.

### ביים קייסער אין פאלאץ

איך האב געהערט אמאל אויף א טעיפ פון הרה"ק קלויזנבורגער רב ז"ל, אז ס'איז געווען שנת תרכ"ט, ווען מ'האט געוואלט מאכן די טיילונג אין אונגארן, מ'האט געוואלט אפטיילן די ארטאדאקסן פון די נעאלאגן, מ'האט אבער געדארפט האבן רשות פון די מלוכה דערצו. זענען די רבנים געפארן צו קייסער 'פראנץ יאזעף' בעטן רשות. ס'זענען געגאנגען דער כתב סופר; הגה"ק ר' יהודה אסאד ז"ל; הגה"ק ר' מנחם כץ - צעהלימ'ער רב ז"ל, און הגה"ק ר' שמואל דארגער ז"ל.

ווען מ'איז אנגעקומען אין פאלאץ האט מען געדארפט גיין א שטאק ארויף. די גאנצע טרעפ זענען געווען פול מיט טרערן פון דער דארגער רב פון די גרויסע בכיות, און ר' יהודה אסאד האט געהאלטן אינאיין זאגן שמות הקדושים [ער איז געווען א געוואלדיגער בעל מקובל].

דער שטוב וואו פראנץ יאזעף איז געזעסן איז געווען פול מיט שפיגלען פון אונטן ביז אויבן, און ווען ר' יהודה אסאד איז אריינגעקומען, האט ער געזען פארנט פון זיך אן עלטערער איד מיט א הדרת פנים, האט ער געפרעגן פונעם כתב סופר: "ווער איז דער אלטער איד דארט, מ'זעט אויף זיין צורה אז ער האט השראת השכינה" [ער האט זיך נאך קיינמאל נישט געהאט געזען אין א שפיגל, האט ער נישט געוואוסט אז דאס איז ער אליין].

אנקומענדיג פארן קייסער האבן זיי געבעטן דעם קייסער אז זיי ווילן מאכן א ברכה 'שחלק מכבודו למלך בשר ודם'. דער קייסער האט זיך אנגעטון זיין הוט, און אויפן טיש איז געליגן א שתי וערב. האבן זיי געבעטן רשות זיך אויסצודרייען [כדי נישט צו מאכן קיין ברכה פארנט פונעם שתי וערב]. האט ער געזאגט: 'נו נו, ביטע שיין'. זיי האבן געמאכט די ברכה, און דער קייסער איז אריינגעלאפן אינעם צווייטן שטוב, און געזאגט פאר די קעניגין: 'קום שוין אריין, ד̣א הא̱ב איך יעצט ענגל - מלאכים, ביי מיר אין פאלאץ'. נאך וואס זיי האבן געמאכט די ברכה האט דער קעניג אליין געענטפערט 'אמן'.

זיי האבן זיך צוריקגעדרייט, צוגעגאנגען צום קייסער און איבערגעגעבן א בריוו. דער דארגער רב איז געווען דער עלטסטער, האט ער איבערגעגעבן דעם בריוו, און ער האט אנגעהויבן וויינען אז פון גרויס התרגשות איז דער בריוו אראפגעפאלן פון דער דארגער רב'ס האנט. דער קייסער אליין האט זיך אראפגעבויגן, עס אויפגעהויבן, און געזאגט: "אלטער, פארוואס ביטערט איר אזוי, עס וועט אלעס גוט זיין".

זיי האבן געוואוסט פון פריער אז דאס וואס דער קעניג זאגט מיט זיין מויל מיינט נאכנישט אלעס, האבן זיי געבעטן ער זאל חתמ'ענען מיט זיין כתב. האט ער גע'חתמ'עט.

ווען זיי זענען צוריקגעפארן מיטן באן קיין פעסט זענען געשטאנען טויזנטער מענטשן ביים באן און געשריגן 'מזל טוב', ווייל ס'איז שוין אנגעקומען א טעלעגראם קיין פעסט פונעם קייסער אז ער האט באשטעטיגט די באשלוס אז מ'קען מאכן דעם טיילונג.

### תחיית המתים

הגה"ק ר' ישראל טויסיג ז"ל דער מאטעסדארפער רב האט דערציילט, אז ס'איז געווען א איד אין סערדאהעלי וואס האט געהאט א שענק. אמאל איז א גוי אריינגעקומען און גלייך אראפ אין קעלער וואו די וויינען זענען געליגן. דער איד איז געווארן זייער אויפגערעגט, ער האט מורא געהאט אז דער גוי גייט אים דא מאכן אלע ווין פאר יין נסך, איז ער צוגעגאנגען צום גוי און דערלאנגט מכות רצח, אזוי ווייט אז דער גוי האט גע'פגר'ט.

איז דער איד שנעל געלאפן צו ר' יהודה אסאד דערציילן וואס ס'איז געשען, און וואס ס'קען חלילה ארויסקומען פאר די אידן דערפון. האט אים ר' יהודה אסאד געזאגט: "האב נישט קיין מורא". ער האט זיך תיכף ומיד אנגעטון זיין הוט, געגאנגען צום איד'ס קעלער, צוגעגאנגען צום פגר און געזאגט אויף אונגאריש: "שטעל זיך אויף אויף דיינע פיס". אזויווי ר' יהודה אסאד האט עס ארויסגעזאגט פון מויל, האט זיך דער גוי אויפגעשטעלט און אהיימגעגאנגען צו זיך אין שטוב, און דארט איז ער געשטארבן.

### טרערן פון תיקון חצות

הגה"צ ר' יוסף צבי דושינסקי ז"ל - גאב"ד ירושלים האט דערציילט, אז אינדערהיים איז געווען ידוע, אז ווער ס'האט זיך געדארפט שטעלן אין מיליטער איז אריין צו ר' יהודה אסאד פאר א ברכה. ער האט געהאט א ספעציעלע פלעשל וואסער, וואס דאס איז געווען פון זיינע טרערן וואס ער האט געוויינט בשעת תיקון חצות, פון דעם פלעגט ער געבן אפאר טראפן, געהייסן דאס טרינקען, און אזוי איז מען ניצול געווארן פון מיליטער.

## א מעשה אויף די פרשת השבוע (בהעלותך)

### א רפואה דורך צוויי פדיונות

הרה"ג ר' שלום בראנדער ז"ל [וועם מ'רופט אין בעלזא 'דער ראש ישיבה'], האט דערציילט, אז הרה"ק ר' אריה זצ"ל, דער מאגרוב'ער רב [מ'האט אים גערופן ר' לייביש מאגרובער], איז געווען אז זון פון הרה"ק דער מיטעלער בעלזא רב הרה"ק ר' יושע'לע זצ"ל.

נאכן הסתלקות פונעם פאטער האט ער אמאל באקומען אן אינפעקשאן אויף א פינגער, און די דאקטוירים האבן געזאגט אז מ'דארף דאס חלילה אראפנעמען. און דער ברודער הרה"ק ר' יששכר דוב זצ"ל האט נישט געוואלט לאזן, האט ער נאכגעזאגט פונעם זיידן דער ערשטער בעלזא רב הרה"ק דער שר שלום זצ"ל, אז ס'שטייט די וואך פרשת בהעלותך, אז ווען מרים איז געווארן א מצורעת, האט משה רבינו מתפלל געווען פינף ווערטער 'א-ל נא רפא נא לה', האט דער שר שלום געזאגט: ס'איז דא א מחלוקת צווישן דער רמב"ן מיטן אר"י הק' וויאזוי מ'מאכט א פדיון נפש אויף א חולה. דער רמב"ן האלט, אז מ'גיבט פרוטות אזוויפל די גימטריא פון דער חולה, און דער אר"י הק' האלט אז מ'דארף געבן פרוטות כמנין כס"ף - וואס דאס איז הונדערט און זעכציג פרוטות.

משה רבינו האט מתפלל געווען מיט די פינף ווערטער [קל נא רפא נא לה], וואס דאס זענען ביידע פדיונות צוזאמען, ס'איז בגימטריא מרי"ם, מיט נאך הונדערט און זעכציג.

האט דער בעלזא רב צוגעלייגט, אז ווען דאס קינד פון די שונמית איז נפטר געווארן רח"ל, האט אלישע האט געשיקט זיין גבאי גחזי זאל איר פרעגן 'השלום לך, השלום לאישך, השלום לילד' - מיט יעדן איינעם איז אלעס בסדר? האט די שונמית געענטפערט: 'שלום'. לכאורה איז שווער, וואס הייסט שלום, דאס קינד איז דאך שוין נפטר געווארן רח"ל?

האט דער בעלזא רב געזאגט, אז ס'שטייט אין זוהר הק', אז דאס קינד וואס איז נפטר געווארן און מ'האט אים מחיה מתים געווען, איז שפעטער געווען חבקוק הנביא. דאס איז פשט, חבקו"ק צוזאמען מיט כס"ף איז בגימטריא שלו"ם. האט די שונמית געזאגט פאר גחזי 'שלום', זי האט געמיינט צו זאגן, אז אלישע זאל אינזין האבן די צוויי פדיונות, סיי פונעם נאמען און סיי פון די גימטריא פון כסף.

האט דער פריערדיגער בעלזא רב אויסגעפירט צום ברודער דער מאגרוב'ער רב, דער ברודער הייסט דאך 'ארי-ה', ארי"ה מיט הונדערט און זעכציג איז אויך בגימטריא 'שלום'. ממילא וועט ער האבן א רפואה שלימה. וכך הוה, ער האט געהאט א רפואה אן דארפן אפערירן.

האט דער בעלזא רב אויסגעפירט אויף דעם זוה"ק, אז דאס קינד וואס אלישע האט מחיה מתים געווען איז געווען חבקוק הנביא וואס מ'זאגט שבועות אין די הפטורה, 'תפלה לחבקוק הנביא על שגיונות'. פארוואס האט ער נאר מתפלל געווען אויף שגיונות, אויף א שוגג? האט ער געענטפערט, אז אויף דער וועלט מיינען מענטשן אז אן עבירה במזיד איז זייער הארב, אבער בשוגג איז נישט געפערליך, אבער באמת איז עס זייער הארב, און חבקוק וואס איז שוין איינמאל געווען נפטר געווארן ווייסט שוין אז א שוגג איז אויך זייער הארב. וועגן דעם 'תפלה לחבקוק' - האט ער מתפלל געווען אויף 'שגיונות', אז מ'זאל ניצול ווערן פון דעם אויך.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865